# משיחות ש״פ שמות תשכ״ב

בס"ד. שיחת ש"פ שמות, מבה"ח שבט, ה' תשכ"ב. - הנחה בלתי מוגה

א. אויפן פסוק ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה, פרעגט מען די קשיא אין תו"א און אין תו"ח, וואס דארף ער אויסרעכענען נאך אמאל די שמות בנ"י הבאים מצרימה, עס שטייט דאך שוין איין מאל אויסגערעכנט אין פרשת ויגש?

אויך פרעגט ער אין תו"א און תו"ח, וואס אין פ' שמות איז דא כמה שינויים פון פרשת ויגש.

וואס מצד דעם איז ניט מספיק דער תירוץ וואס רש"י ענטפערט, אז צוליב וואס רעכנט ער צוויי מאל, אויף ווייזן חיבתם של ישראל, שמנאם בחייהם און אויך לאחר מיתתם, וואס אין פ' ויגש מנאם בחייהם, און בפ' שמות, ווען וימת יוסף וכל אחיו, איז חזר ומנאם לאחר מיתתם.

ווארום דאס איז נאר א תירוץ אויף דער הכפלה. ס'איז דאך אבער ניט קיין תירוץ אויפן שינוי שבפ' שמות לגבי פרשת ויגש.

דערפאר איז ער מבאר אין תו"א און תו"ח, אז בגלות מצרים איז דא צוויי ירידות, כמ"ש ירד ירדנו, ומצד דעם איז אויך דער שינוי פון פ' שמות אויף פרשת ויגש, ווייל דאס איז צוויי באזונדערע ירידות, כמבואר שם בארוכה.

וואס מצד דעם איז מוכרח אז אויך די עלי' פון גלות מצרים מוז זיין צוויי עליות, וכמ"ש ואנכי אעלך גם עלה, וואס די ערשטע עלי' איז געווען בשעת מען איז ארויס פון מצרים, און די צווייטע עלי' וועט זיין בגאולה העתידה, כמבואר שם.

וואס פון דעם איז מובן, אז כל זמן מען קומט נאך ניט צו די עלי' הב' בגאולה העתידה, איז דאס נאך ניט אמיתית יציאת מצרים. ווארום בגלות מצרים איז דאך געווען א צווייענדיקע ירידה, איז כל זמן עס פעלט נאך די עלי' הב', איז עס נאך אן ענין פון מצרים.

דערמיט וועט מען פארשטיין וואס עס שטייט כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, כימי לשון רבים, וואס לכאורה איז דאך יצי"מ געווען נאר ביום אחד, בשעת מען איז ארויס פון מצרים, און די גאולה העתידה איז הגם טאקע אז דאס איז בדומה צו יצי"מ און נאך העכער, ס'איז דאך אבער ניט דער ענין היציאה ממצרים, נאר די יציאה פון אשור ופתרוס וכו', ווי ער רעכנט אויס אין תנ"ך אין פרק הגאולה, ויצא חוטר מגזע ישי, איז פארוואס שטייט כימי לשון רבים?

ועפ"י הנ"ל יובן, ווייל כל זמן עס פעלט די עלי' הב' איז דאס נאך אלץ אן ענין פון מצרים, דערפאר שטייט כימי לשון רבים, אז כל הימים ביז צו די גאולה העתידה, האלט מען אלץ אין איין ארויסגיין פון מצרים, ביז צו די גאולה העתידה, וואס יעמולט וועט זיין דער גמר ושלימות היציאה.

ואי"ז סותר צו דעם וואס די גמרא זאגט אז אלמלא זכו וואלט יצי"מ אליין שוין געווען א גאולה שלימה - ווייל דער פשט אין גמרא איז, אז אלמלא זכו וואלט יצי"מ געווען באופן אחר, אז אין איר וואלט געווען אויך דער ענין גאולה העתידה, אזביידע העברות, עד יעבור עמך הוי' און עד יעבור עם זו קנית, וואלטן בעדארפט צוזאמען.

א"י

הנחה בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 182 הודפס ע"י או

און די גאולה ויציאה במצרים האט זיך אנגעהייבן פון גלות, וכמאמר הבעש"ט ע"פ ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע, אז פון די צרה אליין קומט ארויס די ישועה, וואס אזוי איז אויך געווען בגלות מצרים, אז ס'איז געווען דער וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים, דא ליבון הילכתא, און פון דעם אליין איז ארויס די גאולה.

ב. דער ענין פון די צוויי ירידות, איז אין תו"א ובתו"ח מבואר ווי די ענינים זיינען ברוחניות. וענינם, בזמנינו זה בכל יום ויום:

די כללות הירידה איז געווען, וואס יעקב ובניו זיינען אוועק פון ארץ ישראל, ארץ אשר עיני הוי' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה, זיינען זיי אוועק פון דארטן קיין ארץ מצרים.

אין וואס דריקט זיך אויס דער ארץ אשר עיני הוי' אלקיך בה, אין דעם למטר השמים תשתה מים. בשעת א אדם איז חורש וזורע און טוט כל הענינים התלויים בידו, איז ער נאך ניט זיכער אז עס וועט זיין די צמיחה, ער דארף ערשט קוקן אויפן הימל און בעטן דעם אויבערשטן עס זאל זיין דער למטר השמים תשתה מים. און אזא הנהגה איז שולל דעם טעות פון כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, ווארום ער זעט דאך במוחש בעיני בשר, אז ער אליי קען גארניט מאכן, ס'איז אפהייגיק אין דעם אויבערשטן.

קומענדיק אבער אין ארץ מצרים, דארטן איז אן אנדער סדר. ס'איז דא דער טייך נילוס, וואס בטבע הארץ ובטבע היאור איז לתקופה מסויימת איז דער נילוס משקה את השדות. איז דא איז פאראן א נתינת מקום לטעות אז כחי ועוצם ידי, אז ס'איז אן ענין שמצד הטבע, און פארגעסן אויף דעם אויבערשטן.

איז כאטש טאקע דער אמת איז, אז דאס גופא וואס דער נילוס איז משקה את השדות, איז ויברך יעקב את פרעה שיהא נילוס עולה לקראתו, איז דאך דאס אליין א ברכת הוי', אבער במשך הזמן, איז הרגל נעשה טבע, קען נשתכח ווערן אז ס'איז א ברכת הוי' און מיינען אז דאס איז טבע, מלשון טובעו שערי', אז דער אמת איז פארדעקט און פארטרונקען אין דעם העלם הטבע המעלים עליו.

ומי לנו גדול פון דעם דור המדבר, וואס זיינען געווען א דור דיעה, די מקבלי התורה, זיי האבן געזען דעם וירד הוי' על הר סיני, ווי דער אויבערשטער איז געקומען בתחתונים און געמאכט פון דעם תחתון א דירה לו ית', איז אעפ"כ זאגט דער מדרש, אז פארוואס האט געדארפט גיין דער מן דבר יום ביומו, און מען האט געדארפט אנקומען צו ריבוי ניסים אז אלע טאג זאל גיין דער מן, עס האט דאך געקענט גיין איין מאל אויף די גאנצע פערציק יאר? איז מבאר דער מדרש, אז אויב עס וואלט געווען מערניט ווי איין מאל, איז במשך הזמן וואלט עס נשתכח געווארן אז ס'איז לחם מן השמים, ווארום זיי האבן דעם לחם מן המוכן אין זייערע שפייכלאך, און דאס וואס מען האט געזען נעכטן איז ניט בדומה צו דעם וואס מען זעט היינט, ומכ"ש בשעה עס גייט דורך א ריבוי שנים.

איז אויב בא דעם דור דיעה איז אזוי, איז דאך מכ"ש אז בא סתם מענטשן איז א ודאי אזוי, אז הרגל נעשה טבע, און מען פארגעסט אויפן אמת.

ג.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 183 הודפס ע"י אוצר

ג. אין דעם גופא, איז אבער פאראן צוויי ירידות - די ירידה שבפ' ויגש, בחיי יעקב והשבטים. און די ירידה בפרשת שמות, לאחר מיתתם.

כל זמן אז יעקב האט נאך געלעבט, איז דער העלם והסתר נאך ניט געווען אזוי גרויס, ווארום מען האט דאך געהאט די ברכה פרעגן אלע מאל בא יעקב'ן און ער זאל דערציילן אז די גאנצע מעשה וואס דער גילוי גייט אויף, קומט עס פון זיין ברכה.

אפילו לאחר מיתת יעקב, איז אבער כל זמן אז יוסף האט געלעבט, וואס זיין ענין איז געווען א המשך פון יעקב'ן, אלה תולדות יעקב יוסף, און ער איז געווען דער שליט אויף ארץ מצרים האט מען דאך אויך געזען ווי אלקות איז שולט אויף טבע.

ואפילו לאחר מיתת יוסף, איז בשעת ס'איז נאך געווען די שבטים, וואס זיי זיינען געקומען פון ארץ ישראל און האבן מיט-גענומען מיט זיך די הנהגה פון למטר השמים תשתה מים, איז אפילו אין מצרים וואס דארטן האט זיך ניט געזען גשלעכקייט, עס האט זיך געזען מערניט ווי טבע, בשעת מען זעט אבער ווי אין ארץ ישראל איז עיני הוי' אלקיך בה, גיט עס א פארשטאנד, אז אויך אין מצרים, וואו ס'זעט זיך נאר טבע, איז אויך די טבע געהערט צום אויבערשטן.

וע"ד המבואר במ"א אין דעם ענין פון א נס, אז א נס איז ניט נאר וואס מען זעט אז דער נס איז גילוי אלקות, נאר דאס ווייזט אז אויך טבע געהערט צום אויבערשטן. וואס דאס איז דער פייטש נס מלשון הרמה, אז עס פועל'ט א הרמה והגבהה אין דער גאנצער וועלט, אז מען פארשטייט אז אויך טבע געהערט צום אויבערשטן.

ווארום אויב אז טבע וואלט געהערט ח"ו צו אן אנדערנס רשות, איז ווי קען נס שולט זיין אויף טבע, מישן זיך אין פרטים בעה"ב'שקייט. וע"ד דאיתא בגמרא בענין מפלגן ולעילא כו', אז אויב מען וועט זאגן אז ס'איז צוויי רשויות ח"ו, ווי דערלאזט ער לאעבורי מיא בארעי'.

דאס אלץ איז געווען בחיי יעקב ובניו. איז יעמולט געווען הבנה והשגה עכ"פ באלקות. ס'איז טאקע ניט קיין ראיית אלקות במוחש אזוי ווי אין א"י, אבער פונדעסטוועגן, איז הבנה והשגה געווען. וכמ"ש ויחי יעקב בארץ מצרים, וכידוע תורת רבינו הזקן ע"פ זה, אז אין ארץ מצרים און אויך געלעבט, איז לגבי א"י איז דאס טאקע א ירידה, אבער פונדעסטוועגן פארט ויחי.

אין פרשת שמות אבער, לאחר מיתת יעקב והשבטים, איז א צווייטע ירידה, וואס דא איז שוין דער העלם והסתר געווארן אזוי גרויס, אז אפילו קיין השגה אין אלקות איז אויך ניטא. ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף, בשעת אז א איד איז לא ידע את יוסף, ער ווייס ניט פון יוסף השליט על מצרים, ווי אלקות איז בעה"ב אויף טבע, ווערט דערפון אויך אין לעו"ז א מלך חדש, א העלם והסתר, וואס איז מעלים ומנגד לגמרי.

וואס דאס איז די צווייטע ירידה, פון פ' שמות, אז קיין השגה איז שוין אויך ניטא, עס איז געבליבן מערניט ווי אמונה אליין, און די אמונה האט געבראכט צו דער גאולה.

הנחה בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 184 הודפס ע"י אוצ

ד. עד"ז איז פאראן אויך די זעלבע צוויי ירידות בכאו"א בכל יום ויום:

בתחילת היום, איז די ערשטע זאך וואס א איד דארף טאן, איז דאוונען, כמאמר רז"ל, שתהא תפלתו סמוכה למיטתו. נאכן דאוונען דארף מען גייט מבהכ"נ לביהמ"ד, און דערנאך לעסקיו ודרך ארץ.

בשעת'ן דאוונען איז בדוגמת ארץ ישראל. זאגנדיק שמע ישראל, איז דאך שמע ר"ת שאו מרום עיניכם (כפירוש המגלה עמוקות בשם ת"ז), אז לאחר די אלע הכנות וואס ער האט געהאט פאר ק"ש, דארף ער גיט קיין סאך עבודה, און ווי ס'איז נאר דא זיך שאו מרום עיניכם, ער גיט א קוק אויפן הימל, זעט ער שוין געלעבקייט, ובפרט בתפלת שמו"ע וואס יעמולט איז ער דאך בביטול במציאות, כעבדא קמי מארי'. וואס דאס אלץ איז בדוגמת א"י – למטר השמים תשתה מים.

ווי ער גייט נאר אוועק פון שמו"ע, איז נאכן דאוונען איז דאס שוין א ירידה. איז אבער איך דעם פאראן צוויי מדריגות: א) ווי ער גייט פון ביהכ"נ אין ביהמ"ד, איז בשעת לימוד התורה, איז כאטש ער האט טאקע ניט די ראי' וואס ער האט געהאט בשעת ק"ש ותפלה, האט ער אבער השגה עכ"פ באלקות, וואס דאס איז די ערשטע ירידה. די ירידה אין חכמה, כמבואר בתו"א ותו"ח שם. דערנאך, בשעת ער גייט אוועק לעסקיו ודרך ארץ, דאס איז די צווייטע ירידה (בלשון התו"א ותו"ח – די ירידה אין בחי' דיבור), וואס ניט נאר וואס ביי אים פעלט ראי', נאר ער האט קיין השגה אויך ניט, ער קען פארגעסן לגמרי אויף אלקות, ובמכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז א בהמה ווייס גארניט אז ס'איז פאראן א הימל, ד.ה. אז מצד דעם נפש הבהמית קען מען פארגעסן לגמרי אויף אלקות, דער העלם הטבע איז אויף אזוי פיל, אז מען קען מיינען אז כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה.

ה. און דאס איז די הוראה פון גלות מצרים ויצי"מ אויף עבודתינו שבכל יום ויום, אז א איד דארף וויסן,

(א) אז ווי ער גייט נאר אוועק פון שמו"ע, איז דאס שוין א ירידה. איז טאן דארף מען טאקע אזוי, ס'איז אבער אן ענין פון אנוס עפ"י הדיבור, אזוי ווי יעקב אבינו איז געגייגען אין מצרים ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן, די כוונה עליונה איז אז מען זאל ניט בלייבן א גאנצן טאג ביי שמו"ע, נאר ילך מבהכ"נ לביהמ"ד ומביהמ"ד לעסקיו ודרך ארץ, אבער א ירידה איז דאס, ווארום בשעת מען גייט אריין אין וועלט, איז דאך ניט יעדער איינער האלט ביי דער דרגא פון מתפלל כל היום,

(ב) ניט קוקנדיק אויף דער ירידה, אז ניט נאר וואס ס'איז ניטא קיין ראי' אין אלקות נאר עס פעלט אפילו השגה, איז אבער אעפ"כ בשעת ס'איז דא אמונה, איז דאס אליין ברייגנט צו דער גאולה.

וואס דאס איז דאך דער ענין פון פרשת שמות – פרשת הגאולה. אין די פריערדיקע סדרות רעדט זיך ארום דער ענין הירידה למצרים. אין פ' שמות אבער איז נאר די ערשטע פאר פסוקים ריידן זיך בנוגע דעם גלות, און דערנאך הויבט זיך באלד אן צו דערציילן ווי נולד מושיען של ישראל, וואס משה איז גואל ראשון וגואל אחרון. און

רמלד

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 185 הודפס ע"י אוצ

באלד משעת לידתו איז שוין ותרא אותו כי טוב הוא, נתמלא הבית כולו אורה, בית מיינט די גאנצע וועלט וואס משה רבינו איז אויך איר דער בעה"ב, איז מיט לידת משה געווארן כולו אורה. וואס אזוי איז דאך דער סדר פון וועלט, אז וועלט מצד עצמו איז משולל באפילה, און עס דארף קומען א איד וואס זאל איר באלייכטן, התחיל להאיר.

איז באלד מיט לידת משה ווערט שוין ליכטיק אין וועלט. עס גייט אראפ דער העלם הטבע. וואס ענין האור איז דאך וואס לייכט אומעטום, מערניט אז מען דארף עפענען א פענסטער, און מען עפנט אויף די פענסטער, לייכט אריין דער אור.

ס׳איז הנה זה עומד אחר כתלינו. נאר ביי אנדערע איז דאך אין אן אופן פון משגיח מן החלונות, ביי אנדערע אין אן אופן ביי מציץ מן החרכים. מען דארף אבער מאכן דעם חרך, מאכן א לאך אין וואנט, א לאך אין דער מחיצה המפסקת בין ישראל לאביהם שבשמים. און בשעת מען מאכט די לאך, גייט אריין דער אור, עס ווערט אראפגענומען דער העלם הטבע,

וואס דאס איז די גאולה פרטית פון יעדער אידן, די גאולה שבנפשו, און דאס אליין ברייגגט די גאולה הכללית בקרוב ממש, כמבואר באגה"ק.

# משיחות ש״פ שמות תשכ״ג

א. אויפן פסוק ומשה הי' רועה שטייט אין מדרש אז מתחילתו איז משה געווען מתוקן צו זיין א רועה ישראל. איז דאך ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז מתחילתו איז ער געווען מתוקן לזה, ובפרט נאך אז ער איז געווען דער ראש פון אלע שבעה רועים שהי' רעיא מהימנא, איז צוליב וואס האט ער געדארפט זיין א רועה צאן?

אין נאך א מדרש שטייט על פסוק מאחר עלות הביאו לרעות ביעקב עמו, אז דורך דעם וואס דוד המלך, און אזוי זאגט דארטן דער מדרש אויך בנוגע משה רבינו, איז געווען א רועה צאן און דער אויבערשטער האט געזעהן ווי ער פיטערט גוט די שאף, האט ער אים דערמיט אויסגעפרובט און געמאכט אים פאר א רועה ישראל. איז אבער אויך לויט דעם מדרש ניט מובן, ווארום מ'האט דאך אים געקענט אויספרובן דורך א סאך א קלענערע צייט, און צוליב וואס האט ער געדארפט זיין א רועה צאן פערציק יאר?

ובפרט אז מען דארף דאך זאגן אז ס'איז מדרשות חלוקות. ווארום לויט דעם מדרש אז הי' מתוקן לכך, האט מען דאך אים ניט געדארפט אויספרובן. איז דאך לפי המדרש אז הי' מתוקן איז דאך א ודאי ניט מובן, צוליב וואס האט ער געדארפט זיין א רועה צאן?

אויך דארף מען פארשטיין די הוראה פון דעם וואס משה הי' רועה בעבודת כאו"א. וואס ס'איז דאך ידוע וואס דער אלטער רבי, דער בעל ההילולא דכ"ד טבת

-אעפ"י אז די הילולא איז כ"ד טבת, פונדעסטוועגן איז כ"ג האט שוין אויך א שייכות. ווי דער צ"צ שרייבט אז די הסתלקות איז געווען מוש"ק כג טבת אור לכד טבת, איז דאך פשוט אז דער צ"צ קומט ניט צו מודיע זיין סתם ידיעות פון לוח. נאר כג האט שוין אויך א שייכות צום יום ההילולא-

זאגט ער אין תניא בפירוש מאמר רז"ל אין לגבי משה מילתא זוטרתי היא, אז ס'איז פראן דער משה שבכאו"א מישראל, וואס דערפון איז. פארשטאנדיק, אז אויך ביי יעדער אידן דארף זיין די עבודה פון ומשה הי' רועה גו'

ב. דער ענין פון א רועה איז, אז ער גיט די צאן אלץ וואס זיי דארפן, און ניט נאר המוכרח להם, לתם צר ומים לחץ, נאר ער איז זיך משתדל צו פארגרינגערן זיי, און גיט זיך אפ מיט יעדער איינעם לפי ערכו, כמבואר במדרש הנ"ל ע"פ מאחר עלות הביאו. און אין דעם אופן האט משה רבינו בעפאשעט די שעפסן.

אין ילקוט ראובני שטייט אז אין די צאן יתרו זיינען געווען תיילין דקדושה, און משה רבינו האט מברר געווען די ניצוצות הקדושה שבהם, ע"ד ווי יעקב בצאן לבן, נאך מעדער איז פראן מאמר הבעש"ט, אז אין די צאן יתרו זיינען געווען מגולגל בשמות וואס דערנאך האבן די נשמות געלערנט תורה פון משה רבינו.

ועפי"ז מובן דאס וואס עס שטייט אז דאס וואס ער איז געווען א רועה צאן איז געווען א הקדמה ער זאל דערנאך ווערן א רועה ישראל, ווייל אין די צאן זיינען געווען נשמות ישראל, און פריער האט ער זיך אפגעגעבען מיט זיי להטיב להם בגשמיות, און דער נאך האט ער זיי געגעבן השפעה רוחנית.

וואס דערמיט איז פארשטאנדיק, פארוואס ער האט געדארפט זיין א רועה משך שנים רבות ביז צו ארבעים שנה, ווייל בארבעין שנין קאי אדעתא דרבי', איז דורך דעם וואס ער האט זיי רועה געווען ארבעים שנה זיינען זיי דערנאך געווארן ראוי לקבל את התורה.

ג. עפי"ז וועט מען פארשטיין נאך א דיוק, וואס ער האט געדארפט זיין רועה צאן יתרו דוקא. דלכאורה, איז בכדי צו אויספרובן אים צי ער איז א גוטער רועה האט ער דאך געקענט פאשן אייגענע צאן אדער אפילו אן אנדערנס, און נאך וואס האט געדארפט זיין ער זאל האבן צוטאן מיט צאן יתרו דוקא וואס ער איז געווען עובד ע"ז?

אין מפרשים שטייט אז דאס וואס ער איז געווען רועה צאן איז דאס ע"ד ווי די אבות היו רועי צאן, דאס איז דאך אבער נאך אלץ ניט קיין ביאור אויף דעם וואס ער האט געדארפט לרעות את צאן יתרו דוקא?

נאר עפ"י



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ״ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 139 הודפס ע״י אוצ

נאר עפ"י הנ"ל אז דאס איז געווען א הכנה ער זאל דערנאך מקבל זיין די תורה פאר אידן און לערנען מיט זיי די תורה, וואס אויף דעם האט דאך געקענט זיין א קטרוג אז אידן זיינען ניט ראוי לזה, הללו עובדי ע"ז כו', דעריבער איז מחתילתו האט ער געדארפט לרעות את צאן יתרו שהי' עובד ע"ז, און אעפ"כ האט ער זיך אפגעגעבן מיט זיי כנ"ל להטיב להם בגשמיות, איז דאס האט בא אים געפועלט אז בשעת עס וועט זיך ריידן וועגן השפעה רוחניות לישראל, זאל ער ניט נתפעל ווערן פון קיינע קטרוגים, און איינשטעלן זיך פאר זיי, לקבל את התורה עבורם.

ד. די הנהגה פון פריער להטיב בגשמיות און דערנאך ברוחניות, איז געווען דער סדר ביי אלע רועי ישראל, דאתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא. וכידוע אז דער בעש"ט האט געפועלט ביי חבריו צדיקים הנסתרים דעם סדר אז די ערשטע זאך דארף מען משפיע זיין אידן גשמיות און דערנאך רוחניות, אזוי אויך בנוגע צום אלטן רבי'ן, איז דאך ידוע אז גלייך ווי ביי אים איז געווען דער ענין פון שלמות האדם, דכר ונוקבא, איז די כניסה הראשונה צום ענין הנישואין איז געווען וואס ער האט אפגערעדט מיט זיין שווער אז ער זאל זיך ניט מישן אין זיינע נדן און ער זאל קענען טאן מיט די נדן וואס ער וויל. און די נדן האט דער אלטער רבי אפגעגעבן אויף העלפן ארימע לייט. וואס דאס איז דאך געווען נאך איידער ער איז געווען ביים מגיד, און ערשט אין יארן ארום האט ער מקבל געווען די נשיאות און איז געווען דער רועה ישראל הרוחני, וואס ער האט באלויכטען אידן מיט שני אור. גליא דתורה ופנימיות התורה, וואס דאס איז דער שו"ע מיטן תניא.

און אין דעם גופא איז אויך געווען דער סדר, אז אע"פ אז פריער איז געווען דער תניא און דערנאך דער שו"ע, איז אבער הלכות ת"ת וואס דארטן רעדט זיך וועגן חינוך האט זיך געדרוקט נאך פאר דעם תניא.

ה. און די הנהגה מאנט מען פון יערער אידן. וואס כאטש אז מי הוא זה ואיזהו אשר ערב לגשת להשיג אפילו חלק אחד מיני אלף ממדריגת דבינו הזקן, פונדעסטוועגן מצד דעם משה ואתפשטותא דילי' וואס איז פאראן ביי יעדער אידן, מאנט מען פון יעדער איינעם ער זאל זיך ניט אפשליסן פארזיך, און טראכטן וואס איז מיר נוגע וואס-טוט זיך בא א צווייטן, נאר ער דארף שטיין צום צווייטן אידן מיט א קירוב באהבת-ישראל, און די התחלה דארף זיין פון גשמיות, און דאס וואס ער טוט א טובה יענעם איז אין אמת'ן איז דאס גאר א טובה פאר אים, כמרז"ל יותר ממה שהבעה"ב עושה עם העני העני עושה עם בעה"ב, און ווי ס'איז געווען בא משה'ן שע"י שרעה את צאן יתרו איז ער צוגעקומען לקבל את התורה מהקב"ה.

ו. עפ"י הנ"ל וועט מען פארשטיין אויך וואס עס שטייט בתחילת הסדרה ולא יכלה עוד הצפינו גו' ותשם בסוף על שפת היאור. וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, ווי קומט עס אז מען האט אים אוועקגעלייגט לעבן טייך וואס איז א מקום סכנה? אמת טאקע אז ולא יכלה עוד הצפינו איז צידען אבער איז שוין ניט געווען קיין ארט אויף דער יבשה מערגיט זוי ביאנר?

אין מדרש שטייט דער טעם וואס זיי האבן אריינגעלייגט משה'ן אין יאור איז ווייל-זיי האבן געוואוסט אז רוחך רעם וואס-משה וועט זיין אין יאור וועט נתבטל ווערן די גזירה פון היאורה תשליכוהו, וואס אזוי איז דאך טאקע דערנאך געווען בפועל אז זיי האבן געזאגט כבר הולך מושיען במים ומיד בטלו הגזירה.

ס'איז אבער ניט מובן, ווארום דאס איז מוכרח צו זאגן אז זיי האבן אים געלייגט על שפת היאור לעבן טייך, און ניט ביאור, ווארום אין יאור איז דאך א סכנה ער זאל דערטרונקען ווערן, אזוי ווי מפרשים טייטשן אז פירוש שפת היאור מיינט ניט די ברעג טייך וואס אין טייך, נאר די ברעג שביבשה, וכמו על כיף ימא, ולפי"ז איז וואס האבן זיי אויפגעטאן דערמיט וואס זיי האבן אים געלייגט על שפת היאור, וויבאלד אז ביטול



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 140 הודפס ע"י אוצר החכמה

אז ביטול הגזירה איז דאך מצד דעם וואס הושלך מושיען במים דוקא?.
נאר דער פירוש איז, ווי דער ראגאטשאווער איז מדייק אז יאור האט א תפיסה בידי אדם, ובמילא וויבאלד זיי האבן געדינט לנילוס האט דאך דאס געהאט א דין פון ע"ז, ואסור להציל עצמו בע"ז. במילא האבן זיי ניט געקענט אריינלייגן משה'ן אין יאור, נאר זיי האבן אים געלייגט על שפת היאור. נאר דוקא בשעת אז ס'איז געקומען בת פרעה לרחוץ מגילולי', וואס דאן איז געווען דער ביטול הע"ז, האט ער דאן געקענט זיין אין יאור. און אזוי ווי נביאות היו האבן זיי אים דערפאר געלייגט על שפת היאור, ווייסנדיק אז דערנאך וועט קומען בת פרעה כו' און דאן וועט ער זיך אויסגליטשען אין יאור און דורך דעם וועט נתבטל ווערן די גזירה.
איז דער ביאור אין דעם: מצד דעם וואס משה רבינו איז געווען רועה ישראל און ער האט זיך געדארפט איינשטעלן פאר זיי אפילו אין דער צייט וואס איז געווען דער קטרוג הללו עובדי ע"ז, דעריבער האט געדארפט זיין אופן הצלתו אויך דורכן יאור שבתחילה הי' ע"ז, און דערנאך קודם ובשביל הצלתו איז נתבטל געווארן די ע"ז, וואס דאס איז געווען דער נתינת כח למשה, ער זאל האבן צוטאן מיט אלע אידן, משתדל זיין זיך פאר זיי און ארויסנעמען זיי פון ע"ז.
און ווי געזאגט פריער, אז דוקא דורך דעם וואס הי' רועה צאן יהרו איז ער דערנאך נתעלה געווארן צו די העכסטע עילויים ביז ער איז געווארן דער מקבל ראשון מהקב"ה, אזוי אויך בענין היאור, איז דאך דער נאמען משה מן המים משיתיהו, וואס דאס איז בחי' שמיטה ראשונה כמבואר בתו"א, איז דער נאמען מצד דעם וואס ער איז געווען במים דוקא. ניט על שפת היאור נאר אין יאור (פארנומען זיך מיט אידן עובדי ע"ז אויף ארויסנעמען זיי פון ע"ז), מצד דעם האט ער באקומען די העכסטע עילויים פון מן המים משיתיהו, בחי' שמיטה ראשונה.
ז. ווי געזאגט פריער, אז בכאו"א איז פראן דער משה שבו. איז עס א הוראה פאר יעדער אידן:
בשעת מען זעהט עפעס אן ענין לא טוב, דארף ער וויסן אז דאס קומט פון אים. ניט טראכטן וואס איז מיר נוגע דעם צווייטנס לא טוב, נאר מען דארף וויסן כמאמר הבעש"ט ע"פ תייסרך רעתך, אז דאס וואס מען זעהט אין יענעם רע קומט עס פון זיין רע. וכידוע המעשה אז דער בעש"ט האט אמאל בעזעהן ווי איינער איז מחלל שבת, האט ער אנגעהייבן צו טראכטן ווי קומט עס צו אים זעהן אזא ענין? ביז ער האט זיך געכאפט אז ער האט זיך אמאל משתמש געווען מיט א ת"ח, ות"ת נקרא שבת. אזוי איז דאך ידוע דער סיפור מיטן מיטעלן רבי'ן און צ"צ, אז דער מיטעלער רבי האט אמאל מפסיק געווען פון יחידות כו' כמסופר בארוכה במכתב הנדפס בקונטר' לפ"ד. און וויבאלד אז דאס קומט פון אים, דארף ער דאס מתקן זיין.
וואס דאס איז די הוראה פון משה רבינו: בשעת ס'איז געווען א גזירה כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, אריינווארפן אידישע קינדער אין דער ע"ז נילוס, איז לכאורה וואס האט פאר א שייכות אזא ענין מיט משה'ן? איז אבער אין אמת'ן די גאנצע גזירה געקומען מצד אים. ובמילא, איז די איינציקע וועג עס זאל זיין דער ביטול הגזירה האט עס אויך געדארפט זיין דורך משה'ן דוקא, אז מען האט אים געדארפט אריינלייגן ביאנד, בתחילה על שפת היאור און דערנאך מבטל זיין די ע"ז ביז אויך ביאור און מבטל זיין די גזירה.
וואס דאס איז די הוראה אין מאמר אב רוח המובל גו'. מען דארף זיין ניט מעל לעם נאר בתוך העם, מען דארף גיין אין יאור — ווייל מען דארף וויסן אז דער גאנצער ענין קומט פון אים — און מבטל זיין די גזירה, וואס ווי געזאגט פריער, איז דורך דעם באקומט אויך ער א עילוי, ויותר ממה שבעה"ב עושה עם העני העני עושה עם בעה"ב.
ה. (המאמר ד"ה גאלה שמות).
ט. ענינו



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 141 הודפס ע"י אוצ